STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10184

RAHEL'S LIDER

Rachel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון צעשינסקיס ביבליאטעק



רחל (בלאָוושטיין)

רחל׳ס לידער

אידיש פון ז. ר.

ארויסגעגעבן פון דער פּיאָנערן פרויען
אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע און קאַנאַדע

1932

RACHEL: POEMS

Translated from Hebrew by Z. R.

Published by The Pioneer Women's Organization of United States and Canada.

„ספּיח“

ניט געאַקערט, ניט געזייט,
און קיין רעגן ניט באַגערט,
פּלוצלונג, זע — אַ שפּע שטייט,
קאָרנפעלד אויף זוניק ערד.

אפשר קומען מיר אַנטקעגן
רעשטלאַך פון אַן אַלטן שניט ?
אויף געהיימניספולע וועגן
טרייסטן איצט מיין שווער געמיט ?

זייט געבענטשט, איר פעלדער־וואונדער,
וואַקסט און בליט, געזונט און פריש.
איך געדיינק די טרייסט פון נביא :
„ס'וועט זיין ספּיח און סחיש“.

***

א פאַרשפּעטיקטע געקומען און אַריין איז זי פאַרשעמט,
האָט אַפילו "אָט־אָ בין איך!" שטאָלץ א רוף טאָן ניט געקענט.
מיט א אומעט אין די אויגן, א דערשלאָגענע, פאַרקלעמט,
ווי א בעטלערן געשטאַנען, שטיל דערלאַנגט מיר ביידע הענט.

האָב איך ליכט איר אָנגעצונדען — איז א בלאַסער זייער שיין,
ווי ס'איז בלאָס א שפּעטער שטערן אינ'ם גרויען
האַרבסט ביינאַכט,
און מיין שמחה איז א שטילע, פול מיט ווייטאָג און מיט פּיין,
ווי פון א האָפענונג א פאַלשער אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט.

*
**

מיר זיינען דאָך אַרויס אַ סך
פריילאכע אויף ווייטע וועגן,
מיר זיינען דאָך אַרויס אַ סך
אונזער קעניגין אַנטקעגן.

זיינען איינער נאָכ'ן צווייטן
מיד געוואָרן, אומגעקומען,
זיינען איינער נאָכ'ן צווייטן
אַוועק און ניט צוריקגעקומען.

זאָלסטו אויך אַוועקגיין —
בלייב איך עלנט אין דער וועלט;
זאָלסטו אויך אַוועקגיין —
ווער וועט שיצן מיין געצעלט?

זאָלסטו אויך פאַרשטומען,
קוואַל מיינס, איינציקער אַליין,
זאָלסטו אויך פאַרשטומען —
וועל איך דאָ פון דורשט פאַרגיין.

אין גאָרטן

צו גיזא.

ס׳איז גראָז די וועלט און בלוי און גוט
אין א אלול׳דיק פארטאָג.
אפשר זיך פון שטויב אויפהויבן,
אָנהויבן אין מאָרגן גלויבן ?
פרום א קוש געבן די רוט,
אָננעמען דעם גזר פאר גוט ?

צווישן בייטן, צווישן גראָבנס קומט א מיידל פון דערביי,
דער קראָן ברויזט פריי.
שפריצט זי לעבן אומעטום,
קומט פון דורשט קיין גראָז ניט אום —
אַלץ דערזען און אַלץ באוואָרנט.
אפשר שיינקען גאָט זיין צאָרן,
אפשר אָנהויבן פון ס׳ניי ?

קראַנקערהייט

א.

אַרײַנשרויפֿן אין פֿינסטער שרײַענדיקע אויגן,
אויסשטרעקן אין פּוסטקייט בײַנקענדיקע הענט,
אויפֿהאָרכן אין ציטער ווען וואו א בלאַט געפֿלויגן,
און וואַרטן אויף א וואונדער, א וואונק פֿון שטומע ווענט.

און זיבן מאָל פֿאַרצווייפֿלען און זיבן מאָל צו גלויבן,
אין טרייסטן אין געהיימע ווידער שעפּן מוט,
זינקען אין פֿאַרגעסן און פּלוצלינג זיך אויפֿהויבן
און שילטן דעם גזר־דין און אים אָננעמען פֿאַר גוט.

און אין זכרונות אַלטע זוכן רו געניסן,
אין זייער אָנריר־ליב, אין זייער מילדן שײַן,
שכור זײַן פֿון ווייטאָג און פֿון זײַן רייץ דעם זיסן,
און צאַפּלען זיך אין טרערן ביז׳ן טאָג אַרײַן.

ב.

אויגן — לעכער, הויט און ביינער,
קומט און זעצט זיך אויף מיין בעט.
א מין אָנזאָגער אזוינער —
א שטאפעט.

ווייס איך: יענער אלטער בריקל
וועלכער פירט די צייט אריין
פונ׳ם נעכטן צו דעם מאָרגן,
ברעכט איצט איין.

ער הויבט אויף א דין קולאקל,
ביין צעלאכט זיך אויף א קול:
אָט דאָס זינגסטו איצט דיין לידל
שוין צום לעצטן מאָל!

ג.

ביזטו עס דער סוף ? ס׳איז די לופט דאָך נאָך קלאָר.
עס ווינקען נאָך סודות פון לעבן וואוהין,
דער הימל איז בלוי און די גראָז איז נאָך גרין,
ס׳איז זומער נאָך גאָר,

זאָל זיין אזוי. ניט איך קלאָג, ניט איך פרעג.
כ׳האָב שיינע פארנאכטן געהאט און פארטאָגן,
און ס׳האָבן מיר בלומען א שמייכל געטראָגן
פוןביידע זייט וועג.

ד.

ווי עס פּרעסט מיר דאָס האַרץ אין די שלאָפלאָזע נעכט,
ווי ס'איז שווער מיר דער יאָך אין די נעכט אָן א שלאָף.
זאָל איך שטרעקן די האַנט און צערייסן די באַנד,
איין ריס טאָן די באַנד און א סוף?

אָבער ליכטיק ווערט פרי. ס'קלאַפּט דער מאָרגן מיר אָן
אין מיין פענסטערל שטיל, העל און זויבער ביז גאָר.
ניין, איך שטרעק ניט די האַנט, ניין איך רייס ניט די באַנד
נאָך א ווײַלע מיין האַרץ, נאָך א יאָר.

ה.

נעם מיין האנט אין דיינעביידע גוטע הענט
דו, ברודער מיין.
מיר וויסן ביידע : עס וועט די געשטורעמטע שיף
אין האפן ניט אריין.

טרייסט מיר, איינציקער, מיט גוטע רייד,
ס'איז ביטער מיר.
מיר וויסן ביידע : עס וועט דאָס פארבלאָנדזשעטע קינד
ניט זען דער מאמעס טיר.

דער ווידערקול

צו זלמן.

איך געדיינק ווי איצט: ווי פעלזן ווענט
געשטאַנען זיינען בערג אָן ענד.
איך טו א דונער איבער טאָל:
„הידדה, די יוגנט לעבן זאָל!"
ענטפערט אָפּ א ווידערקול.

זיינען יאָרן שוין פאַרביי
הויך איז טאָל, און גינגאָלד — בליי,
נאָר פון בערג דעם ריינעם קול,
פון בערג דעם קול, היינט ווי אמאָל,
געדיינק איך טריי.

וואויל דעם, וואָס פאַר דער צייט פון קוואַל
אָפּגעשפּאָרט האָט פון אמאָל
כאָטש נאָר א בילד און כאָטש א שאָל,
און כאָטש א שאָטן פון א שטראַל,
און כאָטש א קול!

רואיק גליק

זוניק בערגל,
איך און דו,
און אין הארצן
גליק פון רו.

האלבע פארבן, האלבער קלאנג,
קיין גערייד און קיין פארלאנג!
גלעט אין רו
מיין גלאטע האָר,
זע און הער
און ווער געוואָר:
איך און דו,
גליק פון רו,
היילונג נאָר.

שמחה׳לאך קליינינקע . . .

שמחה׳לאך קליינינקע, פריידעלאך פענעצלאך:
א שנירעלע ים צווישן הייזער פון שטיין,
א גלאנץ פון א שויב ביי א זונאונטערגיין,
זייט מיר אלע געבענשט.

זייט מיר אלע געבענשט, אלע זינגט איר מיר טרייסט,
אומעטום זיינען פונקען געהיימע פארשפרייט,
און עס טויג יעדע שנור פאר געפערלטע רייד, —
ווי דאָס הארץ איז נאָר גרויס.

מיין נייער צימער

הידה, מיין נייער צימער, פונקט אנטקעגן ים,
צוואנציק מעטער העכער איבער ברוק און שטיין.
ווינט פון אלע זייטן,
פייערלאך פון ווייטן,
גליקלאך איין־אליין.

איצטער פרואווט איך רייצן, צרות גרינג און שווער,
טוט איך וואָס איר טוט.
ניט איך הער אייך איצטער, ניט איך זע אייך מער,
מיר איז גוט.

***

דו ווייטער, דו מיינער, צי הערסטו מיין שטים,
צי הערסטו מיין שטים וואו דו ביזט ?
ווי זי רופט אין דער הויך, ווי זי וויינט אין דער שטיל,
ווי זי גריסט דיך פון ווייטן און גריסט.

ס׳איז א גרויסע די וועלט און האָט וועגן א סך,
צוזאמען א ווייל און אויף אייביק צעשיידט.
געפינט ניט דער מענש דאָס פארלאָרענע זיינס,
אומזיסט וואָס ער זוכט און אומזיסט וואָס ער גייט.

איז אפשר ניט ווייט שוין דער סוף פון מיין טאָג,
ניט פיל שוין צום אָפּשייד געבליבן ?
וועל איך ווארטן אויף דיר ביז דער לעצטער מינוט,
ווי ס׳האָט רחל געווארט אויף איר ליבן.

***

אַט פאַרשטומט שוין איצט אויך דער לעצטער קלאַנג . . .
ס'בלייבט שוין גאָרנישט מער פון די אוצרות־אַלט.
איצט איז פּוסט דאָס האַרץ, אָרים איצט און באַנג,
איצט איז קאַלט.

ווי זשע לעבט מען איצט? ווי זשע האַלט מען אויס
אַלדאָס שרעק און בייז פון דער נאָענט און ווייט,
אָן דעם פליגל־שוץ, אָן דער מאַמעס־שויס
פון פאַרגאַנגענהייט?

פרילינג

צו שרה.

האָב איך פארגעסן די לאָדן צו שליסן,
האָב איך די טיר ניט פארמאכט אזוי גוט ?
ער האָט עס דערשפּירט און אריין־זיך געריסן,
צעזונגען, צעקלונגען, צעשטורעמט דאָס בלוט.

איך אזא שטילע און דו אזא הייסער,
א רויטער, פארשייטער, ווי קומסטו צו מיר ?
געזאמלט א אוצר א ווינטער א גרויסן,
ווי זאָל איך אים איצטער באהאלטן פון דיר ?

זאָל איך זיין ברוגז און ווערן אין כעס ?
זאָל איך אין צאָרן דיר ווייזן דעם וועג ?
אָדער — פארשווייגן דיר דאָס מאָל, נאָר דאָס מאָל,
דעם היינטיקן מאָל נאָר . . . און נאָכדעם אן עק.

*
**

צום אנדענק פון בנימין קווינט און
אליעזר פאקטארי.

אַט אזעלכע שטארבן פרילינג,
איך ווייס עס קלאָר.

דאָס לעבן ברויזט, דאָס לעבן זינגט
אין א טויזנטפאכן כאָר;
אָפּגעדעקטע ווערן פּלוצלינג
אלע וועגן דאן געשווינד;
ס'איז דער מענש אין גליק דאן זיכער,
ריין און לויטער ווי א קינד;
יעדע משא ווערט דאן גרינגער,
איבער יעדן תהום — א בריק.

אַט אזעלכע שטארבן פרילינג.
איז עס אומגליק אָדער גליק?

בונט

ווי א הון אין שוחט'ס האנט צאפּל איצטער זיך ביי מיר,
וויסטע גאווה מיינע!
איך האָב איצט פאַרשטאָפּט דיין מויל,
פעסט געבונדן דיך אין קנויל,
און איך לאָך איצט פון דיין שאנד :
כ'האָב דיך אין האנט.
אָט דאָס צאָלסטו פאַר די בלומען
וואָס דו האָסט צעטראָטן מיר,
פאַר דער פרייד וואָס אומגעקומען
פון די צוימען ביי מיין טיר,
פאַר מיין רעגנבויגן־גליק
וואָס דו האָסט פאַרטונקלט מיר.
איצט, געפּענטעט, ליג און שטום,
היניע פינסטער ביז איך קום —
פון אים צוריק!

וואָרט

איך קען אויך געפּוצטע ווערטער
און מליצות אָן א ברעג,
וועלכע שפּרייזן אום אין גאווה
און זיי וואַרפן אָן א שרעק.

אָבער ליב האָב איך דאָס וואָרט נאָר,
וואָס איז ערלאַך ווי א קינד,
און ווי ערד איז עס באַשיידן —
על כן שווייג איך גאָר אצינד.

וועסטו אויך אין שטילקייט הערן
מיינע פּראָסטע ווערטער היינט?
וועסט זיי היטן ווי א מאַמע,
ווי א ברודער, ווי א פריינט?

איך קלאָג זיך ניט

איך קלאָג זיך ניט. אין ענגסטן שטיבל
ביינקט זיך זים נאָך ווייטקייט־ברייט.
עס האָט דער אומעטיקסטער הארבסט־טאָג
געלד א סך און פורפור־רויט.

איך קלאָג זיך ניט. עס פליסט א ליד
פון א וואונד פון ליבעס־וויי.
און מדבר זאמד ווי גראָז זיך ציט
בארג אראָפּ, פון שפּיץ נבו.

גערא͏נגל

אָ, ווי איז מיר, די תאווה שטארקט זיך,
די האנט זי ציט זיך פון אליין
צו די ווערטער וועלכע פינקלען
ווי בריליאנט און איידל־שטיין.

און זיי ווייסן זייער כח,
און דערפילן דעם פארלאנג, —
בלענדעט מיר דאָס אויג פון העלקייט,
הילכט דער אויער פון געקלאנג.

הער איך אויף שוין צו פארנעמען
מאָרגן־שיין און שטילן ווי, —
כ׳האָב דאָך טריי צו זיין געשוואָרן
דעם וואָרט וואָס פראָסט איז ווי געשריי ? !

רחל

מיר דאכט זיך, עס פליסט נאָך איר בלוט אין מיין בלוט,
אין מיין קול זינגט איר קול מסתמא.
רחל — געפּאַשעט ביי לבן די שאָף,
רחל — פון מאַמעס די מאַמע.

דעריבער איז ענג מיר די שטוב נאָך אצינד,
די שטאָט איז מיר פרעמד נאָך געבליבן,
ווייל ס'האָט נאָך פארצייטן פון מדבר דער ווינט
איר קלייד איבער פעלדער געטריבן.

דעריבער איז איצט נאָך מיין וועג אזוי פריי,
דעריבער איז זיכער מיין שפּאַן;
ווייל ס'היט נאָך מיין פוס די זכרונות געטריי
פון דאַן אָן, פון דאַן.

א בייזער חלום

מען פירט מיך צו סקילה. עס זיצן דיינים,
און שאקלען די קעפ־צו פארטראכט.
„א קללה צו דעם וואס האט מענשלאכע הערצער
זינדיק געמאכט !"

ברענען אין זאמד מיינע בארוויסע פיס,
אט באלד קום איך אום.
בלייבן זיך דערנער פון צאברעסביים וועג,
דער הימל איז שטום.

גיי איך און גיי און איך טו זיך א קער
און קוק אלץ אהין,
טאמער הויבט אויף דארט זיין קלייד יענער מאן
אויפ'ן שוועל פון בית־דין ?

דער בשורה־טאָג

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח
השער — — — ויאמרו איש אל רעהו
— — היום הזה יום בשורה הוא.
(מלכים ב׳ ז,—ג, ט)

פאַרצייטן איז שומרון געווען באַלאַגערט
פון גרויזאַמען שונא אין שלאַכט.
האָבן פיר מצורעים די גליקלאַכע בשורה
פון פרייהייט צו שומרון געבראַכט.

ווי שומרון באַלאַגערט די וועלט איז די גאַנצע,
א הונגער — ניט איבערצוטראָגן,
איך אָבער וויל ניט א קרעציקער זאָל אונז
די בשורה פון גאולה אָנזאָגן.

א ריינער זאָל קומען און זאָל אונז באַפרייען.
און טאָמער האָט ער ניט די גבורה —
ליבער שוין פאַל איך ביים שונא אין שלאַכט
ערב דעם טאָג פון דער בשורה.

אָט־אָ דאָ אויף דער ערד . . .

צו מ. ב.

אָט־אָ דאָ אויף דער ערד — ניט אין וואָלקנס אין שיינע,
אָט דאָ, אויף דער אייגענער, היימישער ערד;
איר אומעט צו ליידן, אין אירע פרייד קליינע
זאָל אונז זיין די שמחה באשערט.

ניט אין נעפּלען פון מאָרגן — דער היינט דער געלעבטער,
דער פעסטער, דער הייסער, די קורצינקע שעה;
דער היינטיקער טאָג, וואָס פון בלוט איז געוועבט ער
אויף אונזערער ערד — אָט־אָ דאָ.

איידער ס'ווערט נאכט — קומט זשע אלע, קומט אלע.
פאראייניקט, עקשנות'דיק, מונטער דער פראַל!
ניט שוין וועלן טויזנטער אָרעמס ניט קענען
אראָפּקייקלען ענדלאך דעם שטיין פון'ם קוואל?

כנרת

שטרעקסטו נאָר די האַנט אויס — און דער גולן קרייז
שווייגנדיק און זיכער שטעלט כנרת אָפּ.
ליכטנדיק שלאָפט איינזאַם דער הר־חרמון־גרייז,
שלאָגט אַ שטילע קאַלטקייט פון זיין ווייסן קאָפּ.

וואַקסט זיך אויפ׳ן ברעג דאָרט אַ קליין טייטל־בוים,
ווי אַ חדר־אינגל מיט געקרויזטע האָר,
וואָס האָט זיך פאַר׳גנבה׳ט באָדן זיך געהיים,
שווענקט ער איצט אין וואַסער זיינע קנעכלאַך נאָר.

ווימעלט עס פון בלומען אויפ׳ן קעראַק ווינטער,
פון דעם מאָן די רויטקייט און פון שאַפראַן־געל,
ס׳טרעפט — און ס׳ווערט זיין גרינקייט זיבנפאַך צעגרינטער,
זיבציקפאַך העלבלויער ס׳הימל־בלוי־און־העל.

און ווען עס זאָל מיין האַרצן אויסלעשן אין טרערן
און אין דריי געבויגן זאָל מיין רוקן זיין, —
וועל איך דען דיר דענסטמאָל אומטריי קענען ווערן,
דיך פאַרגעסן קענען, יוגנט־ליבע מיין ?

מיין לאנד

איך האָב דיך, לאנד מיינס, ניט באזונגען
און דיין נאָמען ניט באשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאכטן ניט געקרוינט;
בלויז א בוים, מיין האנט געפלאנצט האט
אויפ׳ן ירדנ׳ס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס א שמאָלן שטעג.

ס׳איז א אָרימע מתנה —
יאָ, איך וויים עס, מאמע לאנד,
גאָר א אָרימע מתנה
האָט געבראכט דיין טאָכטערס האנט;
בלויז א יובל־שריי פון שמחה
ווען עס טוט דיין טאָג א שיין,
בלויז א שטיל פארשטיקטן וויינען
אויף דיין פּיין.

פאַרוואַנדלונג

אַט דאָס לײדנדע האַרץ,
אַט דער שמאַכטענדער גוף,
װעלן זיך צעשיטן אין זעמדלאַך מיליאָנען
פון ערדישע כּחות װאָס שפּרײ־רעגן מאָנען
און רײסן זיך פרײלאַך אַרױף.

בענטשט דער ערשטער רעגן, װעל איך װײט זיך שטרעקן
דורך די שפּאַלטן פון מײן אָרון,
און אין מענשנס־אױגן מאַטע
קוקן פון די פעלדער זאַטע
מיט מײנע אױגן — קאָרן.

אויב באשערט האָט מיר דער גורל

אויב באשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פון דיין געצעלט,
לאָז, כנרת, לאָז מיך רוען
אויף דיין בית־הקברות־פעלד.

אין זיין איינוויגענדן אומעט
הערשט קיין טויטע שטילקייט ניט,
ווען עס הילכט פון וועג אריבער
מונטער־הויך אן ארבעטס ליד.

און דער אָנדיינק פון זיין עולם
איז פארפלאָכטן נאָך אין באנד,
און א בוימל — א מצבה
בענשט פון אויבן ווי א האנט.

אויב באשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פון דיין געצעלט —
וועל איך קומען שוין, כנרת,
רוען אויף דיין קברות־פעלד.

אפשר איז די גאנצע זאך א ליגן ?

אפשר איז די גאנצע זאך א ליגן ?
ווער ווייס ?
אפשר האָב איך גאָר זיך ניט געפּעדערט,
באארבעטן דעם גאָרטן מיט מיין שווייס ?

אפשר אין די לאנגע הייסע שניט־טעג
האָט גאָר קיינמאָל,
אויבן, אויף א וואָגן פול מיט סנאָפּעס,
ניט געקלונגען הויך מיין קול ?

אפשר האָב איך גאָר זיך ניט געריייניקט
אינ'ם ווייסן שוים
פון בלוי כנרת . . . אָ, כנרת מיין,
ביזטו אין וואָר געוועזן, אָדער גאָר אין טרוים ?

אָפּגעשיידט

איך געדיינק, פון קינדווייז אָן
האָט א טרויער מיין באגלייט,
אין אבלות אָנגעטאָן
בין געווען איך אָפּגעשיידט.

זיינען יאָרן שוין פארביי,
איך בין לאנג קיין קינד ניט מער,
נאָר דער אומעט איז מיר טריי
און דער צייכן אליץ נאָך דער.

צווישן מיר און אלעמען
שטייט נאָך אליץ די אלטע וואנט.
איצטער איז מיין הארצן גאָר
יתומ׳דיק, אין שווארץ געוואנט.

נעכטיקע טעג . . .

ס'איז דער טאָג נאָך ניט טויט, ס'איז דער הימל נאָך רויט,
א פארנאכטיקע שטילקייט איז פּרוכטלאָז פארשפּרייט.
פאר מעשה'לאך פּוסטע די ריכטיקסטע צייט:
"אמאָל איז געווען א מיידעלע ווייט . . .

"אמאָל איז געווען א מיידל א בריאה,
געאיילט נאָכ'ן אַקער, די האַנט פול מיט זריעה . . .
ניטאָ שוין די צייטן, די וועגן צום פעלד
האָט דער גורל אויף אייביק, אויף אייביק פארשטעלט.

האָט דער גורל פארשטעלט, נאָך א ווייל און ס'איז אוים.
פון אַלע פיר זייטן א שטורם ברעכט אוים . . ."
— הער אויף שוין, דו אומעט, זאָל נעמען א בּרעג
צו מעשה'לאך פּוסטע, פון נעכטיקע טעג.

אנטקעגן

דאָס הארץ איז וואך, דער אויער לוישט :
"ר'איז דאָ ? ער'ט זיין ?"
אין יעדן ווארטן איז פאראן
פון נבו דער פיין.

יעדער טייך האָט ברעגן צוויי
פון ביידע זייט.
הארט ווי פעלז איז דער באפעל :
אייביק ווייט.

הויב אויף דיין אויג און זע אנטקעגן,
אהין — דער וועג פארשטעלט;
יעדער מענש האָט זיין נבו
ערגעץ אין דער וועלט.

מיכל

ותאהב מיכל בת שאול את דוד — —
ותבז לו בלבה.
(שמואל א׳ יח; ב׳ ו.)

מיכל, שוועסטער ווייטע! ס׳ציט זיך נאָך דער שנור.
אין דיין אומעט־גאָרטן שאָלטעט ניט די צייט.
אויף דיין קלייד פון זיידנס גלאַנצט נאָך דער פורפור
פון דיינע גאָלד־בראַסלעטן הילכט דער קלאַנג נאָך ווייט.

אָפּט האָב איך געזען דיך ביי דעם פענסטער שטיין,
דיינע אויגן קוקן גאווה׳דיק און ווייך.
מיכל, שוועסטער ווייטע! דו ביזט ניט אליין,
האָסן דעם געליבטן איז מיין גורל אויך.

נאָכדעם

דאָס איז עס ? דאָס גאָר ?
דערצו זאָלן אויגן זיך טראָגן פארשמאכט
און דורשטיקע ליפּן זיך ציען ?
דערמיט זאָל זיך דאָס הארץ צעגליען
אין דער קאלטקייט פון ביינאכט ?
צוליב דעם פון גאָט צו פליען
און אראָפּוואַרפן זיין מאכט ?
דאָס ? און מער ניט ? . . . מער ניט ?

*
* *

קיין גואל ניט און אזא קרוב מיר,
קיין ווייטער ניט און פּאַרט מיר אזוי פרעמד,
און ס'פאַרוואונדערט און פאַרשעמט
יעדער ליבער ריר.

געדיינקסט? אן עולם ניט צום גרייכן.
איבער הויכע פרעמדע קעפּ,
גיט פון בליקן זיך א וועב
א בריק — א צייכן.

האָסט מיר ווי געטאָן — אויך דאָס איז גוט.
ליכטיקע שויבן האָט יעטווידער ווי.
ציט זיך מיין שטענגעלע איינזאם אזוי,
און מיין הארץ רוט.

*
**

בייטאָג און ביינאַכט וועגן דיר און צו דיר,
וועגן דיר און צו דיר זינג איך שיר נאָך א שיר.
שטורעם און שטילקייט און פינסטער און שיין,
וואונדרונג און היילונג און נחת און פיין.

עס טרעפט — און איך וויים ניט צי הער איך דיין רייד.
עס טרעפט און עס דאכט זיך — א רים איז אין קייט.
א ווייל נאָר, און ווידער די לידער פון ס'נייַ,
וועגן דיר און צו דיר זינגען האסענד און טריי.

וועגן דיר און צו דיר, וועגן דיר און צו דיר,
טויזנט די פידלען און איינציק דער שיר:
שטורעם און שטילקייט און פינסטער און שיין,
וואונדרונג און היילונג און נחת און פיין.

עקרה

א אינגעלע וויל איך, א זונעלע קליין,
מיט שווארצינקע לאָקן, מיט שכל און חן.
אים האלטן ביים הענטל, פּאַוואָלינקע פירן
אין גערטל שפּאַצירן,
א קינדעלע.
קליין.

כ׳וועל רופן אים אורי, אורי׳לע מיין.
צארט איז דער נאָמען און לויטער און פיין,
ווי א טראָפּן פון שיין.
דער נאָמען פון שווארצינקן אינגעלע מיין,
"אורי"
וועט זיין.

איך וועל אויף איםווארטן ווי רחל די מאמע,
ווי חנה אין שלה אים אויסבעטן שטום;
ווארטן און בעטן :
קום !

די פאר׳עקשנ׳טע האנט . . .

די פאר׳עקשנ׳טע האנט
קלאפּט אלץ און קלאפּט אין פארריגלטער וואנט.
די הויט אין שפּאלטן.
אויפ׳ן ריגל, אויפ׳ן קאלטן,
טריפט דאָס לעצטע ביסל בלוט.
קיין ענטפער ניט. קיין קלאנג.
שהיות מאכט דער וועכטער לאנג.
ער וועט פארזאמען, וועט פארזאמען
די געפערלאכע מינוט.
אויפ׳ן שוועל, ניט דערווארטערהייט,
וועל איך אנידערפאלן —
טויט.

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל א נאָמען

גיב נאָך מיר דיין טעכטערל א נאָמען,
א אָנדענק צו פאַרבינדן.
ס'איז אומעטיק אזוי איננאנצן צו פאַרשווינדן.

מיין פאַר'יתומ'דיקן שיר,
וואָס פאַרשטומט פאַרנאַכט מיט מיר,
וועט זי ווייטער שפינען־זינגען מאָרגן פרי.

און מיין פעדימל פון זייד
וועט זיך ווידער וועבן צו איר קינד און קינדס־קינד
וויט־ווייט־ווייט.

א מתנה

זוך איך אויס אין הארצן
פון דאָס שענסטע בעסטע,
פאַק צונויף צוזאַמען
א מתנה דיר, —
וואָס דער שווארצער טרויער,
וואָס דער בייזער צאָרן
האָבן ניט באַוויזן
אויסראָטן אין מיר.
הויב איך אָן צו לייגן
טייערע אנטיקלאַך,
אוצרות אָפּגעשפּאָרטע
פון כנרת־צייט:
רויטלאַכע באַגינענס,
גילדערנע בייטאָגן,
ליליען־שיין אין אָוונט
אויפ׳ן גולן ווייט.
פעלט מיר אויס א שנירל —
נעם איך יענעם גליק־רוף,
אויסגעשאַלט אין יובל
און אין פריי געמיט;
בינד צונויף צוזאַמען,
שיק עס דיר אריבער.
ענטפער מיר, מיין ליבער,
פרייסטו זיך, צי ניט?

***

בלויז וועגן זיך האָב איך שטענדיק דערציילט —
ווי א מילבעלעס וועלט איז מיין וועלטעלע קליין.
ווי א מילב שלעפּ אויך איך אויף מיין רוקן א לאסט,
איז גרעסער איר משא פון מיר גאָר אליין.

און אזוי ווי די מילב אזוי קלעטער אויך איך
פון אונטן ארויף — מיט יסורים און ברען.
ביז עס טוט זיך א וויצל א ריזיגע האנט
און ווארפט מיך צוריק, גלייך ווי גאָרניט געווען.

אָ, דער אייביקער שרעק פאר דער ריזיגער האנט.
ער האָט עס פארטרויערט, פארקרימט מיינע וועגן.
טאָ וואָס־זשע האָט איר מיר געדרייצט און גענארט,
פייערלאך ווייטע, פארצויבערטע ברעגן?

*
**

ימחץ וידיו תרפינה.
(איוב ה, יח)

און אויב די האנט, וואָס האָט פאַרוואונדעט,
האָט מיין וואונד מיר ניט געהיילט —
איך קיין בייז ניט. כ'ליב דעם ווייטאָג.
איך אליין האָב אים געוויילט.

איך ליב דעם ווייטאָג. דעם וואָס רייניקט,
וואָס מאַכט פרוכטבאַר, שטאַרק און רייך.
ווי דער אַקער איז זיין חלף,
זיינע טרערן — רעגן גלייך.

טרויער־שייער, ניט געדאגה'עט !
ס'וואַקסט אַ פעלד אין אומעט אויך.
ס'האָט די האַנט מיך בלויז פאַרוואונדעט,
נו, איז וואָס ? מיין לוין איז הויך.

***

אינ׳ם גאָרטן פון מיין הארצן
האָב איך דיך פארפלאנצט אמאָל.
וואקסטו איצטער אין מיר דאָרטן,
צווייגן, וואָרצלען אָן א צאָל.

פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט
וויים מיין גאָרטן ניט קיין רו.
דאָס צעזינגען זיך עס דאָרטן
דיינע פויגעלאך און דו.

***

מיין הארץ איז טריי. טריי און געטריי.
פאַלן אין אָסיען די בלעטער אַראָפּ,
שרעקן אים ווינטן און קעלטן ניט אָפּ.
שטאַרקער פאַר זיי איז די האַרטקייט פון גנאָד.
אייביק געטריי, בליט עס פון ס'ניי,
ווייס עס, דו ווייטער, מיין הארץ איז טריי.

***

דו ביזט ווי געווען, און אזא — אלעמאָל :
פארשלאָסן און אָפן און נאָענט מיר און פרעמד :
דו ביזט ווי א וואונד אין מיין הארצן פארקלעמט,
וואָס בלוטיקט און פינקלט און זינגט אויף א קול.
אָ הער דאָך, אָ הער צו דער שטימע וואָס שאלט!
צו דיר, וועגן דיר און פון דיר — אָן א האלט . . .

***

איך האָב זיך אויסגעזונגען שוין ביז גאָר,
וואו א ווייַנטרויבל — אין קעלטער שוין פאַרקערט.
איצט שווייַג איך נאָר.
ווּעסטו מייַן שטומקייט הערן,
און דו האָסט דאָך מייַן ריידן ניט געהערט !

***

צעטראָגן, אין איילעניש, האָסטו באַרירט
מיין איינגעבויגענעם שטערן.
האָט פּלוצלינג א טרויער מיין הארצן פאַרפרירט,
און אומעט א שווערער ביז טרערן.

איז טאקע ניטאָ גאָר קיין טרייסט צו קיין פּיין,
קען קיינער צו קיינעם ניט נערן ?
א מענש צו א מענשן מוז אויך טאקע זיין,
ווי אויבן א שטערן צו שטערן ?

*
**

שוואַרצקייט, בלויקייט, פאָרן, פירן —
מיינע נעכט און מיינע טעג.
איך בין מיד. איך קני דעם קעמל,
איך וויל רוען דאָ ביים ברעג.

איך גיב אַ וואונק . . . און עס באַוויזט זיך,
ווי אַן אַלטער טרייער קנעכט,
די געשטאַלט וואָס איז פאַרוועבט מיר
אין די טויזנט טעג און נעכט.

זיי מיר מוחל, פריינט, מיין צאָרן
און מיין אומעט און מיין בונט.
ס'האָט אונז שוין אַן אַנדער טרויער
דורכגעלייטערט ביז'ן גרונט.

חוני המעגל

חוני׳ס טרויעריקער גורל
האָט מיר היינט דאָס האַרץ גענאָגט:
״ס׳האָט אים אימיצער באַגעגנט,
האָט אים שלום ניט געזאָגט״.

ס׳איז דאָך שוין דער דור אַ נייער,
קען אים איצטער קיינער ניט.
וועט די איינזאַמקייט די שווערע
באַלד צעברעכן זיין געמיט.

אפשר בין איך אויך געשלאָפן
אין אַ מויער טיף פאַרבאָרגן?
גיי איך איצט אַרויס אין גאַס
זאָגט מיר קיינער ניט ״גוט־מאָרגן״.

חלום איך, אַז ס׳איז געוואָרן
פרעמד מיר חבר, פרעמד מיר פריינט.
חוני׳ס אומעטיקער שאָטן
האָט מיין וועג פאַרוואָלקנט היינט.

אָט־אָ נעם איך דיינע אויגן

אָט־אָ נעם איך דיינע אויגן —
זייער אומעט, זייער פּיין,
זייער היילנדיקע ווייכקייט,
זייער שפּילנדיקן שיין, —
אָט־אָ נעם איך דיינע אויגן
און איך פּאַק אין ליד אריין.

פארבן

דאָס צעאַקערט פעלד איז שווארצ
און דאָס וואסער — ליכטיק בלוי.
גרינט דאָס גראָז ביים טאָל אין הארצ
איינגעדעקט אין מאָרגן טוי.
נאָר דאָס פעלד־בלימעל אליין
רויטלט זיך אויפ גרויען שטיין.

⁂

זע ווי מאָדנע : גראד דיין צאָרן
און די האַרטע מוסר רייד
האָבן ווידער ווי געבאָרן
אונזער אַלטע צאַרטע פרייד.

מער שוין פירט ניט מאַן און ווייב דאָ
זייער אַלטן בייזן קריג.
ביזט א ברודערל געוואָרן,
א קליין זונעלע אין וויג.

*
**

און אז קינדער איז וואָס ? אָ, געבענשט זאָל זיין דער,
וואָס מאכט אונז פארגעסן ווי עלטער איז שווער.
ס'איז נאָך לאנג אונזער וועג, וועט נאָך צייט זיין גענוג
צו זיין אלט און פאר'דאגה'ט, דערוואקסן און קלוג.

טאָ טאקע ווי קינדער אין יונגינקע יאָרן,
וואָס פליקן די שמחות ווי בלימלאך אין קאָרן,
וואָס וויסן קיין סוף ניט, און וויינט אמאָל ווער, —
צעלאכט זיך די זון גאָר אין זייערס א טרער.

*
**

ווערטער קומען און פארלאנגען:
"זיי אונז אין דיין הארצן איין,
ווען נאך זען — א פעלד פון זאנגען
גינגאלדענע וועט דא זיין.

וועט א בחור'ל א יונגער
קומען קארן־בלומען קלייבן,
וועט א פוסגייער זיין הונגער
מיט דיין קערענדל פארטרייבן".

אקער, בויער, ווער ניט מיד,
זיי אין הארץ ווי אין א בייט.
צו דעם יום טוב פון מיין שניט
קומט באלד אלע — קינד און קייט!

א פארנאכטיקער ווינט . . .

א פֿארנאכטיקער ווינט האָט א בלאָז געטאָן קאלט.
א פֿארנאכטיקער ווינט האָט געפּליסטערט: "שוין, באלד".

אָ, פֿארגיב מיר מיין טרויער. טראָג ווייטער די לאסט
פֿון מיין ביטערן ליד, פֿון מיין אומעטיק בליק,
און זיי אויך מיר ווייטער א אָנלען, א פֿעלז,
און זיי אויך מיר ווייטער א שיינענדער גליק.
ביז עס קומט אָן באלד די פֿינסטערע נאכט
און א פֿראָסטיקע האנט מיינע אויגן פֿארמאכט.

מיינע טויטע

רק המתים לא ימותו . . .

י. ש. ק.

זיי אליין נאָר בלייבן. נאָר אין זיי אליין
קען דער טויט ניט ווארפן זיין פאר'סמ'טן שטיין.

שיידן זיך די וועגן, קומט דער אוונט שטום,
זאמלען זיי זיך לאנגזאם, רינגלען מיך ארום.

אונזער בונד איז הייליק, קען צעשטערט ניט זיין.
וואָס איך האָב פארלאָרן — בלייבט אויף אייביק מיין.

אינהאַלט :

	זייט
ספּיח	3
א פערשפּעטיקטע געקומען . . .	4
מיר זיינען דאַך אַרוים א סך	5
אין גאָרטן	6
קראַנקערהייט	
אריינשרויפן אין פינסטער . . .	7
דער שטאַפּעט	8
ביזטו עס דער סוף ?	9
ווי עס פּרעסט מיר דאָס האַרץ	10
נעם מיין האַנט . . .	11
דער ווידערקול	12
רואיק גליק	13
שמחה׳לאַך קליינינקע	14
מיין נייער צימער	15
דו ווייטער, דו מיינער . . .	16
אָט פאַרשטומט דער לעצטער קלאַנג . . .	17
פרילינג	18
אָט אזעלכע שטאַרבן פרילינג	19
בונט	20
וואָרט	21
איך קלאָג זיך ניט	22
געראַנגל	23
רחל	24
א בייזער חלום	25
דער בשורה־טאָג	26
אָט דאָ אויף דער ערד . . .	27
כנרת	28
מיין לאַנד	29
פאַרוואַנדלונג	30
אויב באַשערט האָט מיר דער גורל	31
אפשר איז די גאַנצע זאַך א ליגן ?—	32
אָפּגעשיידט	33
נעכטיקע טעג . . .	34
אַנטקעגן	35
מיכל	36
נאָכדעם	37

זייט

קיין גואל ניט און אזא קרוב מיר — 38
וועגן דיר און צו דיר — 39
עקרה — 40
די פאר׳עקשנ׳טע האנט . . . — 41
גיב נאך מיר דיין טעכטערל א נאמען — 42
א מתנה — 43
בלויז וועגן זיך . . . — 44
און אויב די האנט וואס האט פארוואונדעט — 45
אינ׳ם גארטן פון מיין הארצן — 46
מיין הארץ איז טריי . . . — 47
דו ביזט ווי געווען — 48
איך האב זיך אויסגעזונגען שוין ביז גאר — 49
צעטראגן, אין איילעניש, האסטו באריִרט — 50
שווארצקייט, בלויקייט . . . — 51
חוני המעגל — 52
אט־א נעם איך דיינע אויגן — 53
פארבן — 54
זע ווי מאדנע . . . — 55
און אז קינדער איז וואס ? — 56
ווערטער קומען און פארלאנגען — 57
א פארנאכטיקער ווינט — 58
מיינע טויטע — 59

רחל (בלאָושטיין)

געבאָרן דעם 20טן סעפּטעמבער, 1890, אין דער רוסישער שטאָט
וויאַטקא. אַלס קינד אריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין פּאָלטאַווע.
ענדיקענדיק די רוסישע גימנאַזיע, אין יאָר 1907, איז זי אָנגע־
קומען אין דער קונסט־שול אין קיעוו, וואו זי האָט אָנגעהויבן שטו־
דירן מאָלעריי. 1909 איז זי געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט זיך דאָ
צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט דער העברעיאישער שפּראַך און איז
אריינגעטראָגן אין דער ערשטער מיידל־פאַרם, וואָס איז געגרינדעט
געוואָרן אין כנרת. מיט איר פיינקייט, יוגנט־שמחה, איבערגעגעבנ־
קייט און טאַלאַנט, איז זי באַלד געוואָרן באַליבט און פאַרערט פון
דער גאַנצער דאָמאָלסט קליינער ארבעטער משפחה אין ארץ־
ישראל. קורץ פאַר'ן קריג איז זי געפאָרן שטודירן אַגראָנאָמיע קיין
טולוז. פון דאָרט איז זי געקומען צו איר פאַמיליע קיין רוסלאַנד, וואו
זי האָט געמוזט בלייבן, צוליב דער מלחמה, ביז 1919. דאָרטן איז
זי קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז. מיט דער ערשטער שיף פון
אָדעס, "רוסלאַן", קומט זי צוריק קיין ארץ־ישראל, אָבער די שווערע
קראַנקהייט האָט איר שוין ניט דערלויבט אומצוקערן זיך צו ארבעט.
כ"ט ניסן, תרצ"א — 16טן אַפּריל, 1931 — איז זי נאָך שווערע
ליידנס־יאָרן געשטאָרבן אין תל־אביב. לויט דעם וואונש וואָס זי
האָט אויסגעשפּראָכן אין איר'ס אַ ליד האָבן זי אירע פריינט גע־
בראַכט צו קבורה אין כנרת. די יאָרן פון איר קראַנקהייט זיינען
געוואָרן די יאָרן פון איר דיכטערישן שאַפן. אירע ערשטע לידער
האָט זי געשריבן אין רוסיש, אין די מלחמה יאָרן. אירע ערשטע
העברעיאישע לידער האָט זי געדרוקט אין "הדים" און "השלח".
מיט דער גרינדונג פון דער א"י'דיקער ארבעטער צייטונג "דבר"
איז זי געוואָרן איר שטענדיקע מיטאַרבעטערן און אין דער ליטעראַ־
רישער ביילאַגע האָט זי פאַרעפנטלאַכט די גרעסטע צאָל פון אירע
לידער. אין פאַרלאַג פון "דבר" זיינען דערשינען אירע לידער־זאַמ־
לונגען "ספיח" (1927) און "מנגד" (1930). אין אידיש זיינען איי־
ניקע פון אירע לידער פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין "צוקונפט" (סעפּ־
טעמבער, 1927 און יאַנוואַר, 1931), אין דער איבערזעצונג פון א.
ליעסין און ז. ר., און אינ'ם זאַמלבוך "וואָס ארבעטערנס דערציילן",
ארויסגעגעבן פון דער פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

געדרוקט ביי "דאס אידישע ווארט"
וויניפעג, קאנאדע